בסיעתא דשמיא

# הבית הענקי לעיר הקודש דקהלא קדישא

ערשטער אריינבליק
פרעזענטירט לרגל
מעמד היובל

מעמד גדול
קהלא קדישא




stone
for logo
+74'-0"
4'-0"
+70'-0"
14'-0"
+56'-0"
14'-0"
+42'-0"
14'-0"
+28'-0"
14'-0"
+14'-0"
14'-0"
+0'-0"
13'-0"
-13'-0"

# ירחיב
# ה' לנו

**רויטע קאליר:**

דער
עקזיסטירנדער
בנין גדול

**שווארצע קאליר:**

דער מאסיווער
הרחבה צו א
בנין גדול וענקי
בס"ד





# דער צורך בליעה״ר:

- **׳אלע׳ זיצן אין ביהמ״ד זענען פארדינגען. עס איז שוין אצינד נישט מעגליך פאר א פרישן יונגערמאן אדער נייער תושב צו קובע זיין די תפלות אין ביהמ״ד הגדול. מ׳קען נאך טרעפן ליידיגע זיצן דא-דארט, פון מתפללים וואס קומען נישט צו אלע תפלות אדער קומען נאר צו שיינע שבתים, אבער זיך ״קובע״ זיין מיט א פלאץ איז שוין נישט דא.**
- פאר א טאטע מיט קינדער איז שוין לאנג אויסגעלאפן די מעגליכקייט זיך מסדר צו זיין מיט זיצן. ס׳איז אריינגעקומען במשך די לעצטע פאר יאר הונדערטער ווענדונגען פון טאטעס וואס ווילן דינגען עטליכע זיצן, מ׳זאל קענען דאווענען מיט הרחבת הדעת אינאיינעם מיט די קינדער, ווי עס פאסט, און מען קען דאס נישט צושטעלן. לדאבון לבם קענען זיי נישט קומען דאווענען אין ביהמ״ד הגדול.
- **ביי ״שלש סעודות״ איז דער ביהמ״ד איבערגעפילט, יעדע ארט פון ברעג-צו-ברעג איז פארנומען, אפילו אלע בענק הינטערן רבי׳ן איז מלא עד אפס מקום, און מ׳זעט יעדע וואך פילצאליגע אידן וואס דארפן בעל כרחם שטיין רינגס ארום ביז ארויס אין די קארידארן, און ביי פילע איז דאס אן אפהאלט פון קומען.**
- ווייניגסטנס ״צען שבתים״ א יאר איז דער ביהמ״ד איבערגעשטאפט אן קיין פלאץ פאר׳ן עולם. שוין נאכ׳ן צוליגן פרישע נאנט צו 1,000 זיצן, זענען דא הונדערטער שטייערס. דאס מיינט כמובן אז ס׳איז דא נאך דאפלט אזויפיל אידן ווי די שטייערס וואס וואלטן אויך געוואלט מיטהאלטן אזא דאווענען, ווען ס׳איז דא געהעריג זיצן. אפגערעדט איינער וואס האט קינדער ב״ה און וויל זיי נישט דארפן ארומזוכן... - דאס רעכנט אריין שבת שקלים, החודש, שירה, קבלת התורה, שבת של שמחה (שבע ברכות וכדו׳), שבת לפני הילולא, ועוד.
- **פי כמה איז דער געברויך פאר זיצן אין די ימים טובים, אפגערעדט די הייליגע טעג, נאר אפילו אין די ימים טובים ווי פסח און די ערשטע טעג סוכות, הונדערטער אידן שלעפן זיך פון אלע ווייטע געגנטער און זיי טרעפן נישט פלאץ וואו צו זיצן, און אפילו צו שטיין איז שוין נישטא געהעריג זיך אראפצושטעלן ביי א ווינקל אדער וואנט און דאווענען מיט ריכוז הכוונה, אָן געשטערט ווערן.**
- ביים רבי׳נס טיש פרייטאג צונאכטס אין כולל איז נישטא קיין פלאץ פאר׳ן ציבור. קוים פאר די בחורים איז דא פלאץ. הונדערטער אידן קוקן ארויס זיך צו ווארעמען ביים רבי׳נס טיש, ווי ס׳איז געווען דער שטייגער ביי חסידים מדור דור, אבער ס׳איז נישט דא די פלאץ. עס פאדערט זיך א געהעריגער ״היכל השולחנות״ מיט ברייטע פלאץ פאר כל הקהל הקודש, פון יעדן עלטער.
- **און ביי ״טישן״ אין ביהמ״ד ווי ״שירת הים טיש״, ״נעילת החג פסח״, ״ריקודין שמחת בית השואבה״, ״זאת חנוכה״ איז געווען אן איבערגעפאקטער ביהמ״ד. ״מים שלנו״, ״חמשה עשר בשבט״, וכהנה וכהנה ביי אלע גרעסערע טישן במשך השנה, וויפיל מ׳האט נאר צוגעגרייט זענען נאך אלץ הונדערטער געבליבן געשטראנדעט ביי די אריינגענג און נישט מצליח געווען זיך אריינצוקוועטשן.**
- אפגערעדט די צענטראלע גרויסע טישן, א שטייגער די יארצייט סעודות כ״ו אב און כ״ו ניסן. דעם לעצטן כ״ו אב תשפ״ג איז געווען צוגעגרייט די מאקסימום זיצן איבעראל, די פאליש, פליגלען, אלעס איז געווען צוגעגרייט, און ס׳איז נישט א גוזמא משער צו זיין אז מ׳וואלט געקענט נאכאמאל אנפילן די צאל זיצן מיט די ״שטייערס״ אין ביהמ״ד, קארידארן, געדרייט אויבן/אונטן, אין פארטש, מחמת חוסר המקום אין ביהמ״ד.
- **״חתונות״ פונעם רבי׳נס אייניקלעך פאדערן שוין אויך מער פלאץ. פון אנהויב טאנצן זענען די פארענטשעס געפאקט, און אויב איינער וויל געהעריג מיטהאלטן דעם מצוה-טאנץ דארף ער זיך ארויפדראפען מיט גרויס אנשטרענגונג, אולי וועט ער טרעפן אויבן א ליידיגע שטיי-ארט, אדער דארף ער זיין פארנומען די גאנצע חתונה צו האלטן רעזערווירט א פלאץ. הונדערטער חסידים מוזן לכבוד דעם פארפאסן די דערהויבענע מאמענטן. מ׳לייגט די מאקסימום הויכע פארענטשעס, און ס׳איז שוין נישטא וואו צו לייגן נאך.**
- דער ביהמ״ד איז א ריזיגער פאבריק פון מנינים יעדן טאג פון יאר. ס׳איז שוין דא נייע גרויסע חדרי תפלה, אבער נאך אלץ איז נישטא קיין פלאץ ביי די מנינים. מ׳דארף האבן מער שטיבלעך צום דאווענען, מער שטיבלעך פאר שיעורים, און אסאך ברייטער פלאץ פאר די טויזנטער טעגליכע מתפללים ולומדים.
- **די איבערפולקייט דערקענט זיך פונקט אזוי אין ״היכל ראזענבערג״, אין ״מקוה״, אין ״קאווע שטיבל״, און וואו נישט, אפילו א געווענליכער טאג, ווער רעדט נאך ימים טובים און ביי גרעסערע מאורעות. דער ״בנין הגדול״ דערהייבט מער נישט דעם עולם וואס טוט זיך בלויז מערן, בליעה״ר!**
- פארהאן א דורכשניט פון 60 טעג א יאר, וואס דער ביהמ״ד ווערט באנוצט פאר מאורעות, און דער צורך איז זייער גרויס אפצוטיילן דעם מנינים-צענטער אלס פארנעם פאר זיך, וואו עס זאל פונקציאנירן דער געניטער סיסטעם רונדע די יאר באופן ובמקום קבוע אָן דארפן געטוישט אדער גערוקט ווערן.
- **והעולה על כולנה ״שמחת תורה״ און ״שבועות״, אזעלכע לעכטיגע זמנים וואס געבן א רוחניות׳דיגע איינשפריץ פאר א גאנץ יאר, איז דער אויסדרוק ׳צר מהכיל׳ זייער א בלאסער. אין איין ווארט, שבועות איז שוין נישטא וואו צו לייגן נאך גאלעריען, און שמחת תורה ביי די הייליגע הקפות איז שוין דער געדרענג גרויס, אפגערעדט וואס דער ביהמ״ד איז כעת נישט גענוג פראקטיש צו צאמנעמען א ציבור אלס פאראייניגטער קול ווי עס פאסט, און אודאי אז די טישן קענען נישט ווערן צוגעשטעלט ווי עס דארף צו זיין.**

## כי עתה ירחיב ה׳ לנו...


ערשטע
שטאפל
סקעטש
עקזיסטירנדער
טייל
פונעם
בנין
הגדול

עקזיסטירנדער בנין הגדול

ערשטע שטאפל פון פארמירן ביהמ״ד צו מאסיווער בנין ענק

נייער צווייטע שטאק פארקינג לאט

אריינגאנג צו עקזיסטירנדע ערד-שטאק פארקינג לאט

טרעפ און פארטש צו ווערן אראפגענומען אין ערשטע פאזע



# ערשטע
# שטאפל


existing buil
demolition
new building
new building done previous phases
excavation
TAX LOT
303 – 4 – 21
kolel building
MULTI STORY BUILDING
CONC. STEPS
CONC. WALK
36" HDPE
HAYES COURT
GARFIELD ROAD
STONE CURB
DO NOT ENTER
SANITARY MANHOLE NW536
677
LEGEND:
BRICK PAVERS
WALL
ELECTRIC MARKOUT
OVERHEAD WIRE
GAS LINE MARKOUT
DEPRESSED CURB
CONCRETE PAVING
EDGE OF BITUMINOUS
CONCRETE PAVING
FENCE LINE
INLET
WATER VALVE
GAS VALVE
UTILITY BOX
CABLE TV BOX
LIGHT POLE
BOLLARD
SIGN
UTILITY POLE
GUY WIRE
FIRE HYDRANT
SANITARY SEWER MANHOLE




# ענדגילטיגע שטאפל
# בס״ד

- דער ריזן בנין אדיר וגדול מיט אלע צרכים אי״ה פרעכטיג און לעכטיג לטובת די רבבה התושבים בליעה״ר

- די יעצטיגע ווענט צו ווערן אראפגענומען ביים פארענדיגן די מאסיווע איסברייטערונג


6
4
2
jan.
ele.
coat room
wash room
14'-0"
ROOM H: 18'-5"
HALL H: 14'-6"
HALL H: 14'-7"
HALL H: 17'-11"
CORRIDOR H: 8'-0"
CLOSET H: 7'-2"
ELEVATOR
Window H=2'-10" Sill H=4'-5"
nazola room
0'-0"
677



ריזן צענטער פונעם ״היכל בידהמ״ד״ הענקי
50,000 סקווער פיס
3 שטאק גאלעריען
open to the below
פארנדיגע וואנט צו עפענען גענצליך און פאראייניגן מיטן היכל הבידהמ״ד צו ווערן
מאסיווער פאראייניגטער היכל פון 52,000 סקווער פיס
אונטערשטע שטאק ׳קורצע׳ מערב גאלערי
מיט פענסטער צום היכל בידהמ״ד, און צום היכל השולחנות
3 שטאק מערב גאלעריען
22,000 ס״פ ״היכל השולחנות״ פאר יעדן שב״ק
מיט פארנדיגע וואנט צו עפענען גענצליך און פאראייניגן מיטן היכל הבידהמ״ד
jan.
hazola room
coat room
wash room
28'-0"
ele.
4
5
3

# והיו
# עיניך
# רואות
# את
# ביתך

דער פראמינענטער
פלאן פארן בית גדול
וקדוש פון וואו עס
וועלן אי"ה ארויסגיין
די טויזנטער
קאכעדיגע תפילות,
לעבעדיגע תורה,
פייערליכע טישן, מיט
אן הרחבת הדעת
לעבודתו יתברך שמו.




DPMGGROUP.COM
כי ביתי
בית תפילה
יקרא